**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/16/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ העלפנדיג חתונות, פייערונגען און אנדערע געשעענישן פארקומענדיג אינדרויסן פון אן אוועקגעשטעלטע פלאץ צו באקומען פערמיטס פאר אלקאהאלישע געטראנקען**

***נייער געזעץ (S.9049/A.10176) ערלויבט בארעכטיגטע קעיטערינגס צו אפלייען פאר א קעיטערינג לייסענס אינדרויסן פון זאל צו סערווירן ברוינפן ביי די פלאץ פון די געשעעניש***

***אין די פארגאנגענהייט האבן קעיטערינגס וועלכע זענען נישט נאכגעקומען די פאדערונגען פאר א קעיטערינג לייסענס געדארפט א צייטווייליגע פערמיט וואס וואלט זיי נאר עלויבט צו סערווירן ביר, ווייַן און סיידער ביי געשעענישן וועלכע זענען אפגעהאלטן געווארן נישט ביי די קעיטערינג'ס זאל***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א געזעץ (S.9049/A.10176) צו מאדערניזירן דעם 'אלקאהאלישע געטראנקען קאנטראל געזעץ' (Alcoholic Beverage Control Law) און אויטאריזירן די ניו יארק סטעיט ברוינפן אויטאריטעט (New York State Liquor Authority) צו שענקען פאר בארעכטיגטע קעיטערינג פירמעס א לייסענס צו סערווירן ברוינפן ביי חתונות, סעודות אדער אנדערע געשעענישן וואס קומען פאר ביי לאקאציעס וועלכע זענען נישט די קביעות'דיגע זאל פון די קעיטערינג.

"לאמיר אויפהייבן א גלעזל לחיים פאר די נייע פארהייראטע וועמען'ס ליבשאפט איינער פאר די אנדערע אינספירירן אונז אלע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיטן אונטערשרייבן דעם געזעץ, מאכן מיר א באדייטנדע טריט פאראויס צו שטיצן קעיטערינגס און אנדערע קליינע ביזנעסער — אלעס בשעת'ן העלפן פארן וואס האבן חתונה צו פלאנירן די פייערונג פון וואס זיי האבן אייביג געחלומ'ט. איך בין שטאלץ צו אונטערשרייבן דעם געזעץ, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן פאר אונזער גאסטגעבונג און רעסטוראנט אינדוסטריע און פאר אלע קליינע ביזנעסער."

דער נייער געזעץ (S.9049/A.10176) מאכט אן ענדערונג צו דעם אלקאהאלישע געטראנקען קאנטראל געזעץ צו מאכן א נייע סארט לייסענס פאר קעיטערינג ביזנעסער וועלכע האבן נישט אן אייגענע זאל צו סערווירן אלקאאלישע געטראנקען ביי די לאקאציע וואו די געשעעניש קומט פאר. פילע קעיטערינג ביזנעסער אריבער די סטעיט האבן נישט קיין אייגענע זאל וואס קומט נאך די פאדערונגען צו קענען אפלייען פאר א קעיטערינג לייסענס — א קיך און א זאל וואס איז גענוג גרויס צו קענען סערווירן און אוועקזעצן צום וויניגסטנס 50 מענטשן. דערפאר האבן אזעלכע ביזנעסער געדארפט אפלייען פאר צייטווייליגע פערמיטס וועלכע האבן זיי נאר ערלויבט צו סערווירן ביר, ווייַן און סיידער ביי געשעענישן וועלכע זענען פארגעקומען אינדרויסן פון זייער ביזנעס פלאץ. מיט דעם נייעם געזעץ, קענען קעיטערינגס וועלכע האבן א פלאץ מיט א קיך – אבער נישט א זאל מיט פלאץ פאר צום וויניגסטנס 50 מענטשן צו זיצן – אפלייען פאר א קעיטערינג לייסענס פאר פלעצער ארויס פון זייער אייגענע פלאץ וואס וועט זיי ערלויבן צו סערווירן ברוינפן אין צוגאב צו ביר, ווייַן און סיידער ביי די פלאץ וואו די געשעעניש קומט פאר.

**סטעיט סענאטארשע ענע מ. קאפלאן האט געזאגט,** "ניו יארק'ס פארעלטערטע און צומישנדע ברוינפן געזעצן מאכן דאס כמעט אוממעגליך פאר קלייע קעיטערינג ביזנעסער צו אנהויבן מצליח זיין אין די פעלד אן א גרויסע אינוועסטירונג אין אן אייגענע זאל, און אין א צייט ווען פילע פון די ביזנעסער מוטשענען זיך נאך צוליב די פאנדעמיע, קומט זיך זיי אביסל פארלייכטערונג פון איבעריגע און קאסטליכע רעגולאציעס. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן מיין פשוט'ער געזעץ וואס וועט שטיצן קליינע קעיטערינג ביזנעסער און גיבן פאר קליענטן מער אפציעס וויאזוי צו אפהאלטן ספעציעלע געשעענישן, און איך בין דאנקבאר פאר איר פירערשאפט צו פארבעסערן די קלימאט אין ניו יארק פאר קליינע ביזנעסער."

**אסעמבלי מיטגליד פרעד טיעלע האט געזאגט,** "דאס דורכפירן די מאסנאם וועט מאדערניזירן די סעיפים פון דעם אלקאהאלישע געטראנקען קאנטראל געזעץ וואס וועט העלפן ברענגען מער ביזנעס געלעגנהייטן פאר די אין די קעיטערינג אינדוסטריע אן א גרויסע זאל פאר זיך. עס איז מיר געווען א פארגעניגן צו ארבעטן מיט די סטעיט ברוינפן אויטאריטעט און מיט סענאטארשע ענע קאפלאן אויף די באמיאונג צו מאכן אונזערע לאקאלע קליינע ביזנעסער א וויכטיגערע חלק פון אונזער עקאנאמיע מיט העכערע אויסזיכטן פון הצלחה. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע מאסנאם אלץ געזעץ."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418